א שמועס ביים שבת טיש
להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**בשלח**

## • לימוד מהפרשה

**וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים**

וחמושים-אין חמושים אלא מזויינים וכו' ד"א חמושים
מחומשים אחד מחמשה יצאו (רש"י)

רש"י זאגט צוויי פשטים אין די ווארט "חמושים". איין פשט איז מזויינים-באוואפענט, אז מ'גייט ארויס אין א מדבר דארף מען דאך געווער, דערנאך זאגט רש"י אז מ'איז ארויס אחד מחמשה-איינס פון פינעף. נישט אלע אידן האבן זוכה געווען צו די גאולה, עס זענען נעבעך געבליבן "רוב" אידן אין מצרים וואו זיי זענען נפטר געווארן בשלשת ימי אפילה. ס'איז נישט קיין פראבלעם צו זאגן נאך א פשט, אבער ווען רש"י הייבט אן "**אין** חמושים **אלא** מזויינים" מיינט דאס **נאר** די פשט פון באוואפענט, און דערנאך ברענגט ער נאך א פשט ? עס מוז זיין אז די צוויי פשטים גייען צוזאמען.

וואס מיינט דאס מזויינים, וועלכע געווער רעדט מען דא ? פארוואס זענען אזויפיל אידן געבליבן אין מצרים ? מיר מיינען אז ווען חז"ל זאגן רשעים (שהיו בישראל באותו הדור רשעים ולא היו רוצים לצאת ומתו בשלשת ימי אפלה-רש"י פרק י' פסוק כב) רעדט מען מן הסתם פון מחללי שבת וכדומה רח"ל, ניין ! חז"ל זאגן קלאר "ולא היו רוצים לצאת" זייער עבירה איז געווען אז... זיי האבן נישט געוואלט ארויסגיין פון מצרים. ס'איז שוין זייער געשמאק, מ'דארף נישט ארבעטען מ'מאכט גוט געלט (מ'איז געווארן רייך פון די מכות) ס'איז א מחיה, און א קליינער פראצענט "פאנאטישע תמימות'דיגע עקשנים" זאגן מ'דארף ארויס פון דא, דאס איז נישט די גאולה, אוודאי איז עס פיין און רואיג, מ'האט שוין נישט די צרות וואס מ'האט געהאט פריער אבער ס'איז דא א תכלית, א קבלת התורה, א נאנטקייט צום באשעפער, אונז זענען די עם הנבחר די 'טשאָוזען פיפעל', אונז האבן גארנישט מיטן מצרישען גוי (בלשונינו: אמעריקאנער/ענגלישער/קאנאדישער וכו' גוי) אונז זענען דא אין מצרים 'טעמפארערי', און די אנדערע האבן אראפגעקוקט אויף די נארישע "צוריקגעבליבענע" בטלנים...

פון ווי האבן די "בטלנים" גענומען די כוחות זיך צו האלטן ? דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו "כי גר יהיה זרעך" דיינע קינדער וועלן זיין פרעמד. ווען א איד געפינט זיך פרעמד אין גויאיש לאנד (אפילו אין באקוועמע צייטן) איז ער א קינד פון אברהם אבינו. אברהם ווערט אנגערופן אברהם "העברי" פארוואס? זאגן חז"ל: כל העולם כולו "מעבר" אחד והוא "מעבר" אחד, אברהם אבינו פייפט אריין אין די וועלט, ער שלאגט זיך נישט מיט 80 פראצענט נאר מיט 100 פראצענט-מיט יעדן איינעם. פארוואס וויל ער ווייסט אז **דער אמת מעסט זיך נישט מיט 'נאמבערס', דער אמת איז דער רצון השם און גארנישט מער.**

דער איד וועלכער איז יא ארויס-איינס פון פינעף- מוז זיין אז ער איז געווען אנגעזאפט מיט אמונה אין מצרים. צו זיין פעסט אין מצרים האט מען געמוזט זיין באוואפענט מיט אברהם אבינו'ס הדרכה פון נישט ווערן נתפעל פון דעם און יענעם, זיי זענען געווען פעסט ביי זיך טראצדעם וואס די שכנים/חברים/קרובים האבן זיי אויסגעלאכט.. ממילא גייעןביידע פשטים צוזאמען, די אידן זענען ארויס באוואפענט-פעסט אנגעגארטעלט מיט אמונה, וואס איז די סימן ? ווייל וחמושים-מ'איז דאך ארויס איינס פון פינעף, קומט אויס אז ווער ס'איז ארויס אזוי געווען שטארק באוואפענט. אז מ'ווערט נישט נתפעל האט מען **שוין** א פרטיות'דיגע גאולה, מ'לעבט פאר זיך, נישט פאר דעם און יענעם און דערנאך איז מען זוכה צו די גרויסע גאולה בקרוב.

**ולא נחם אלוקים דרך ארץ פלישתים כי קרוב הוא**

ענדליך. נאך 210 יאר גייט מען  שוין ארויס פון מצרים. פארוואס האט דער באשעפער אונז געפירט אין א וועג וואס מ'וועט וואנדערן נאך פערציג יאר אין מדבר ? אין מצרים זענען מיר געווען קנעכט, א קנעכט דארף זיך נישט זארגן פאר עסן און פרנסה, אזוי ווי זיי האבן געזאגן זכרנו את הדגה-מיר געדענקען די פיש וואס מיר האָבן געגעסן אין מצרים בחנם- כאטש עס איז נאר פיש, אָבער ס'איז געגעבן בחנם, און מיר ווילן נישט דארפן זארגן, ס'איז געשמאק און 'קאמפארטעבל'... יעצט ביי יציאת מצרים דארף מען שוין האבן א זעלבסטשטענדיגע לעבן, און דא – זאגט דער באשעפער - אויב נעם איך זיי אריין אין א שטאָט, וועלן זיי  זיך באלד באקענען מיט די שוועריקייטן - פינאנציעל און אנדערע זאכן- וואס באגלייט יעדער יחיד, מ'וועט זען ווי שטארק מענטשן מוטשענען זיך דורכצוגיין דעם חודש, וועלן זיי ווערן אפגעקילט, זיי וועלן זאגן לאמיר צוריקגיין צו מצרים... מיר האבן טאקע גע'ארבעט שווער, אבער לפחות איז געווען צו עסן... האט דער באשעפער געזאגט, מ'זאל נישט גיין דורך ארץ פלשתים, פארוואס ? פן ינחם העם בראותם מלחמה,וועלכע מלחמה ? די מלחמה צו לעבן, צו עקזיסטירן, און צוליב דעם וועלן זיי וועלן צוריקקומען צו מצרים.

דער באשעפער האט אונז גענומען דורך די מדבר, אין דער מדבר האט יעדער פארשטאנען אז מ׳דארף נישט זארגן, דער רבש״ע האט זיי אויסגעהאלטן פאר פערציג יאר ! אין יענע געוואלדיגע 40 יאר האבן מיר גוט פארשטאנען אז ״לא על הלחם לבדו יחיה האדם״ לעבן איז נישט נאר פון ברויט אליין נאר פון באשעפער, אז ער וויל וועט די זאך אנגיין, צו מ׳פארשטייט וויאזוי אדער נישט און דערנאך איז מען זוכה אריינגיין פירן א זעלבסשטענדיגע לעבן אין ארץ ישראל.

## • הלכה

**שאלה: ביז ווען מעג מען געבן פאר א קטן מעדיצין שבת אן קיין שום שאלה ?**

תשובה: **ביז די 9 יאר, ווייל א קטן האט א דין חולה (מנחת יצחק).**

## • מעשה

**נישט געמאכט קיין טעות**

הר׳ר אלישע רובינשטיין שליט״א* איז א חשובער יונגערמאן עוסק בתורה ועבודה אין בני ברק, האבנדיג עטליכע שיעורים דורכ׳ן טאג. איין נאכט קומט ער אהיים בערך 10:30 און ער גייט זיך באלד לייגן, מ׳דארף דאך שוין אט אט אויפשטיין. און פלוצלונג בערך 12:00 הערט ער א קלאפ אויפן טיר, ער גייט צו און געבט א קוק דורך די שפאלט און ער זעהט פאליציי! ער טראכט, איך ווייס ביי מיר איך בין נישט קיין ׳טראבל מעיקער׳... ר׳ אלישע עפנט אויף די טיר מיט א שמייכל אבער זיי שטייען מיט א ערנסטער פנים: דו ביזט ארעסטירט. פארוואס? זיי ווייסן אויך נישט, מארגן צופרי וועט דיר דער ׳דזשאדזש׳ זאגן וואס איז דיין עבירה... אבער... ס׳קען נישט זיין, ס׳איז זיכער א טעות...די ווייב איז נעבעך געשטאנען אין די זייט און געוויינט ווי מ׳נעמט אוועק איר אומשולדיגער מאן. דערווייל האבן זיך די קינדער אויפגעוועקט פון די רודעריי און זיי האבן זיך גענומען וויינען, ס׳איז געווען א גאנצע בהלה. למעשה האבן די פאליציי געזאגט, אונז מוזן דיר אריינעמען, מיר באקומען ׳ארדערס׳, מיר האבן נישט קיין ברירה. דער יונגערמאן איז מיטגעפארן געקייטעלט אין די פאליס קאר און טרעפט זיך אין א צימער מיט פארשידענע צדיקים...ער כאפט א שמועס מיט איינער וואס פארציילט אים אז

ער איז ארעסטירט ווייל ער האט איינעם צושלאגן אין פנים... דערוייל האט מען גערעדט פארשידענע ענינים, בתוכם אז ער איז א חתן און גייט חתונה האבן בקרוב. דער שידוך איז אים זייער וויכטיג, ווייל זיין ברודער איז אוועק יונגערהייט און האט איבערגעלאזט א קינד וואס ענדלט אין אים-דער פעטער, און דאס קינד איז צוגעבינדן צו אים, ממילא גייט ער חתונה האבן צום שוועגערן... ער האט אמאל געהערט אז ס'איז דאך דא א מצוה פון יבום און אזוי וועט ער אויפציען דאס קינד... אונזער ר' אלישע האט שוין אנגעהויבן צו כאפן פארוואס דער באשעפער האט אים דא אריינגעשיקט, ער דארף דאך ראטעווען א איד פון נעמען אשת אחיו-א איסור כרת.

ער הייבט אים אן מסביר צו זיין אז ס'איז דא טאקע א מצות יבום אבער דאס איז נאר אויב דער ברודער האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער ל"ע אבער ווען ס'איז יא דא קינדער טאר מען ח"ו נישט נעמען דעם ברודער'ס ווייב, ס'איז א הארבע איסור. יענער "למדן" ענטפערט: ביי מיר איז נישט קיין חילוק יא קינדער נישט קינדער ס'איז דא א מצוה פון יבום, מען מעג חתונה האבן און פערטיג. ר' אלישע האט שוין פארשטאנען וואס ער האט דא צו טוהן, ער האט געבעטן א שטילע תפילה, הייליגער באשעפער דו האסט מיר דא אריינגעשיקט נישט בחנם, איך בעט דיך אז מיינע ווערטער זאלן אויפטוהן. אזוי האט ער גע'ארבעט אויף יענעם א גאנצע נאכט, פרובירט מסביר צו זיין די חומר הדבר און ער זאגט אים: דאס איז דאך מן השמים אז ענק האבן זיך צושלאגן ביזן ארעסטירן איינער דעם אנדערן, מ'וויל נישט פון הימל עטס זאלטסט חתונה האבן וכו' ביז צום סוף האט זיך יענער געבראכן און צוגעזאגט אז ער איז שוין מבטל דעם שידוך און ער גייט נישט חתונה האבן.

צופרי האט מען אריינגעברענגט די ארעסטירטע אין 'קארט' און דער ריכטער האט זיך אנטשולדיגט פאר ר' אלישע זאגנדיג אז מ'האט געדארפט ארעסטירן א צווייטער "רובינשטיין" און מ'האט זיך פשוט טועה געווען, ער האט געבעטן מחילה, ר' אלישע איז אהיימגעקומען און געזאגט פאר זיין משפחה אז דער ריכטער האט געזאגט אז ס'איז געווען א טעות און האט געבעטן מחילה אבער איך ווייס אז ס'איז גארנישט קיין טעות, ער האט געהאט א גאר וויכטיגע שליחות מן השמים צו ראטעווען א איד פון א מכשול ל"ע.

***א גוט שבת***